# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
A Grus Un Bagrisung Fun Yisroel / A Greeting and Salutation From Israel

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/1gg4r7n4

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 91(1)

### Author
Chaim Finkelstein, Khayim Finklshteyn /

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

חיים פינקלשטיין / ירושלים

# אַ גרוס פון ירושלים

חשובע פריינד:

איר האָט מיך פאַרבעטן צו שרייבן וועגן אברהם גאָלאָמב צו דער געלעגנהייט פון זיין 90טן יובילײ. טו איך עס גערן מיט אַ סך פרייד און אַ געפיל פון עכטן יראת הכבוד. מסתמא גיט איר זיך אָפּ אַ חשבון, אַז כ׳האָב געשריבן אברהם גאָלאָמב און נישט דערמאָנט קיין שום טיטל. געטאָן האָב איך עס באַוווּסטזיניק, מחמת וויפל טיטלען מען וועט ניט אויסרעכענען וועט עס זיין נישט גענוג. און צווייטנס — ווער קען נישט אברהם גאָלאָמבן? וואָס קענען אַלע טיטלען נאָך צוגעבן עפּעס מער ווי דער נאָמען זיינער? אין אייער אַמעריקע, אַז מען שטעלט פאָר אַ מענטשן, שטעלט מען אים פאָר מיט אַלע טיטלען זיינע, אָבער אַז ס׳קומט צום פרעזידענט פונעם לאַנד איז גענוג בלויז איין וואָרט, דער פרעזידענט. אין פאַל פון בעל יובל איז אויך גענוג בלויז דער נאָמען זיינער, מחמת דער נאָמען אברהם גאָלאָמב רעדט פאַר זיך אַליין.

וואָלט איך איצט געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג וועגן בעל־יובל, וואָלט איך אַוודאי געדאַרפט אַראָפּטויכן אין די טיפע קוואַלן פון גאָלאָמבס גייסטיקער וועלט, וואָס זענען ממש נישט אויסשעפּלעך, אָבער היות עס איז נאָר אַ באַגריסונג איז די טירחה קיין טירחה נישט, בפרט ס׳איז כולה הנאה.

אייגנטלעך ווייס איך נישט צו וועלכער קאַטעגאָריע איך געהער: צו גאָלאָמבס חסידים אָדער צו די מתנגדים? עס איז בכלל שווער צו פעסטשטעלן לגבי דעם בעל־יובל, ווו ס׳ענדיקט זיך די חסידות און ווו ס׳הייבט זיך אָן די מתנגדות. ער איז, גאָלאָמב, אַזוי פילזייטיק אין זיין שעפערישקייט און אַזוי רייך אין זיין אינטערעסן־וועלט אַז עס קלעקט פאַר אַלעמען. אפילו חסידים זיינע, וואָס וועלן אַראָפּוואַרפן אַ היפּש ביסל פון רבינס וואָגן, וועלן דאָך בלייבן חסידים. און מתנגדים, וויפל זיי זאָלן נישט זיין קעגן, האָבן נאָך אויך וואָס צו כאַפּן פון רבינס טיש.

און ס׳וועט, גלייב איך, נישט זיין קיין פאַראַדאָקס אויב כ׳וועל זאָגן, אַז גאָלאָמב האָט געטאָן פאַר זיינע מתנגדים נישט ווייניקער ווי פאַר די חסידים פון זיין תורה. און געטאָן האָט ער עס ווילנדיק צי נישט ווילנדיק. פשוט: ער האָט געצוווּנגען קעגנער צו טראַכטן ערנסט און טיף; זיך אָנצולאָדן מיט אַ גרויסן באַגאַזש

„די גאָלדענע קייט", פון י"ל פרץ. איך הער די זעלבע רייד וועגן וואָכעדיקייט און יום־טובדיקייט. שלמהלע, דער רבי, האָט זיך איינגעשפּאַרט און וויל קיין הבדלה ניט מאַכן. ער וויל עס זאָל זיין שבת. צופיל וואָכעדיקייט ביי ייִדן. ער וויל מ׳זאָל אַריינלאָזן אַ ביסל הייליקייט אין לעבן; אַ באַגער זיך צו דערהויבן, באַרייכערן דעם גייסט ער מאָנט: „זאָל זיין שבת!" דער לערער, רעדנדיק וועגן שלמהלען, דאַכט זיך, ווערט אַליין דערהויבן. די תלמידים ווערן באַרייכערט אויפן גאַנצן לעבן...

דער זון מיינער פירט דורך דעם סדר ביז צום סוף, מיט אַלע פּישטשעווקעס, מיט דערקלערונגען, מיט טראַדיציע, מיט געזאַנג און מיט גרויס פרייד. די גייסטיקע איבערלעבונג מאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקן איינדרוק. איך דערמאָן מיך די פראַכטפול שיינע סדרים ביי מיר אין דער היים און אין דער ייִדישער שול אַלס אַ קינד. די גרויסע יום־טובדיקייט און גייסטיקע איבערלעבונג איז ביי אונדז דעמאָלט געווען זייער גרויס, אָבער ניט גרעסער ווי ס׳איז דאָס יאָר געווען ביים צווייטן סדר ביי מיין זון.

איך טראַכט אַז מיין זון איז ביי מיין לערער אויף די לעקציעס ניט געווען, אָבער די השפעה וואָס מיין לערער האָט אויף מיר געהאַט, האָט פון דעסטוועגן מיין זון יאָ געיירשנט. ס׳האָט זיך ניט איבערגעריסן די גאָלדענע קייט!

איך באַגריס איך האַרציק צו אייער 90סטן געבוירן־טאָג און ווינטש איך געזונט און אַ גוטע עלטער.

פון וויסן, ערודיציע און פעיקייט צו שטיק אים אַנטקעגן. ווייל אויך ער אַליין איז שטענדיק געקומען צום „שלאַכט־פעלד" באַלאָדן ביז איבער די ציין...

איך מוז זיך מודה זיין, אַז ניט שטענדיק בין איך מסכים מיט גאָלאָמבס איינשטעלונגען, בעיקר לגבי דעם ציוניזם און דער לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער יידישער פראַגע. אָבער שטענדיק האָב איך נאָכגעפאָלגט זיין אידעען־גאַנג מיט אַ סך דרך ארץ, ערשטנס — ווייל ער פאַרמאָגט אַ סך איגנס, און צווייטנס — ווייל כ'האָב שטענדיק געוווּסט, און וויס ביז היינט, אַז ער האָט געגלייבט מיטן גאַנצן פייער פון דער נשמה זיינער אין דעם וואָס ער האָט געלערנט די תלמידים און חסידים זיינע. ער איז שטענדיק געווען אַ גוואַלדיקער מאמין און אַזוי איז ער פאַרבליבן ביז היינט. דאָס קומט צום אויסדרוק נישט בלויז אין וואָרט זיינס, וואָס איז תמיד רייך און באַלערנדיק, נייערט אויך אין זיין פערזענלעכן לעבן און אין אַלע זיינע מעשים. דערפאַר זיין עקשנות, זיין הונדערט פּראָצענטיקער נאָן־קאָנפאָרמיזם און די פעיקייט זיינע כמעט אַ גאַנץ לעבן צו זיין אין דער מינדערהייט, און גאַנץ אָפט אפילו אַליין, און דאָך גיין מיט אַזאַ געהויבענעם קאָפּ, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געגאַנגען מיט אים. ער געהערט, גאָלאָמב, צו יענע יחידי סגולה, וואָס אפילו ווען זיין זענען אַליין זענען זיי נישט איינזאַם. און אַזוי נישט איינזאַם קענען זיין נאָר מענטשן וואָס פאַרמאָגן אַן אייגענע אינערלעכע גרויסע און רייכע וועלט.

איך וואָלט נישט געקענט פאַרענדיקן די באַגריסונג מיינע ווען כ'וואָלט נישט צוגעגעבן, אַז אויב איך זע זיך נישט ווי גאָלאָמבס אַ חסיד, זע איך זיך אָבער יאָ ווי אַ תלמיד זיינער, באַזונדערס אויפן געביט פון יידישן חינוך. די פּריווילעגיע פון אַ תלמיד איז נישט צו מוזן זיין מסכים מיט אַלץ וואָס דער רבי לערנט. אָבער איז דען פאַראַן אויף דער וועלט אַ יידיש־העברעישער לערער וואָס האָט נישט גענאַשט פון גאָלאָמבס גייסטיקן אוצר? דריי דורות לערערס האָט דירעקט און אומדירעקט זיך דערצויגן אויף דער תורה פון אינטעגראַלער יידישקייט, וואָס גאָלאָמב איז איר געטרייסטער פאָנען־טרעגער און גלייכצייטיק דער סאַמע באַרופנסטער אויסטייטשער און אַריינטייטשער אירער און דער אידעען־וועלט פון דער יידישער דערציונג.

איז פאַר מיר דעריבער אַ פרייד און אַ כבוד צו זען זיך ווי איינער פון אָט דער מחנה מחנכים, וואָס זעען אין לערעריי אַ שליחות אין בעסטן און אין שענסטן זין פון וואָרט, אָט טאַקע אַזוי ווי דער רבי **האָט געוואָלט... און ווי אַן אויפריכטיקער פאַרערער גאָלאָמבס שליס איך מידי אָן אָן דעם יום־טוב זיינעם־אונדזערן און ווינטש אים, אַז נאָך אַ סך יאָרן זאָל ער ממשיך זיין דעם מוסטערהאַפטן, שעפערישן גאַנג זיינעם אין דעם יידישן לעבן און אין דער יידישער דערציונג.**

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן **„חשבון"**. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**